**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/19/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער HOCHUL מעלדט ניו יארקער איבער עקסטרעמע קעלט און ווינטער וועטער וואס וועט באטרעפן די סטעיט אנגעפאנגען היינט ביז קומענדיגע וואך

***ביז זעקס אינטשעס שניי לענגאויס ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער; ביז אכט אינטשעס שניי לענגאויס די מיד-הודסאן און קאפיטאל ראיאנען***

***ווינטער וועטער שטורעם ווארענונגען דורכאויס מאנטאג צופרי אין טיילן פון קאפיטאל דיסטריקט און מיד-הודסאן ראיאנען***

**לעיק עפעקט שניי ווארענונגען ארויסגעגעבן פאר מאנטאג ביז מיטוואך אין טיילן פון מערב ניו יארק, פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק און צפון קאנטרי ראיאנען נעבן לעיקס עריע און אנטאריא**

***פילט-ווי טעמפעראטורן אזוי נידריג ווי נעגאטיוו 25 דעגריס פערנהייט איז ערווארטעט לענגאויס מערסטנס פונעם סטעיט מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך אוונט***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמוטיגט ניו יארקערס צו זיין געווארנט ווען א צוזאמשטעל פון לעיק עפעקט שניי, ווינטער שטורעמס און עקסטרעמע קעלט זענען ערווארטעט לענגאויס די סטעיט דעם וואך. דעם נאכמיטאג אנהאלטנדיג דורכאויס די נאכט, איז ווייטפארשפרייטע שניי ערווארטעט אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי מיט ביז זעקס אינטשעס מעגליך אין די מערסט אנגייענדיגע בענדס. די מיד-הודסאן און קאפיטאל ראיאנען קענען ערווארטן ביז 8 אינטשעס אדער מער פון שניי היינט ביז מאנטאג אינדערפרי. אנגעפאנגען שפעט היינט נאכט און אנהאלטנדיג ביז מיטוואך, איז ערווארטעט לעיק עפעקט שניי וואס קען ברענגען ביז דריי פיס פון שניי אין די שטערקסטע בענדס, אין געגנטער פון מערב ניו יארק, די פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק און די נארט קאנטרי וואס זענען נאנט צו לעיקס עריע און אנטאריא. דערצו, אנגעפאנגען מאנטאג, וועט א גרויס טייל פון ניו יארק סטעיט מיטהאלטן ביטער קאלטע טעמפעראטורן מיט מעגליכע פילט-ווי טעמפעראטורן אזוי נידריג ווי נעגאטיוו 25 דעגריס. ניו יארקערס זאלן נאכקוקן לאקאלע וועטער אומשטענדן און נעמען שריט זיך צוצוגרייטן פאר ווינטער וועטער און פארפרוירן קאלטע טעמפעראטורן.

"ווען ווינטער שטורעמס, עקסטרעם קאלטע טעמפעראטורן און לעיק עפעקט שניי קומט אן צו אונזער סטעיט היינט און איבער די קומענדיגע טעג, האב איך באפוילן אונזערע סטעיט אגענטורן צו מאביליזירן זייערע מיטלען ווען מיר גרייטן זיך צו רעאגירן צו די וועטער סיסטעם," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די אומשטענדן שטעלן אן איסערגעווענליכע געפאר פאר סיי וועמען וואס איז אויסגעשטעלט צו די עלעמענטן אדער קען נישט גענוג אנהייצן זייער היים, און איך מוטיג אלע ניו יארקער צו נעמען שיך-מיטלען פון פאראויס צו האלטן פארזיכערט זיך און זייערע פאמיליעס."

פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס'ס ( National Weather Service) וועבזייטל אויף alerts.weather.gov. ניו יארקער ווערן אויך געמוטיגט זיך צו איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי אלערטס דורכן זיך איינשרייבן פאר NY Alert אויף alert.ny.gov — אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

**אגענטור פארברייטערונגען**

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( New York State Division of Homeland Security and Emergency Services)**

די דיוויזיעס אפיס פון עמערדזשענסי באהאנדלונג (Office of Emergebcy Management) שטייען אין פארבינדונג מיט לאקאלע מיטארבעטער און זענען גרייט צו אנפירען פארלאנגען פאר הילף. סטעיטס אנגעזאמעלטע פראדוקטן זענען איינגעשטעלט און גרייט ארויסצוגעבן עמערדשענסי אנטווארט און צוגעהערן לויטן באדערפעניש. די סטעיט וואטש צענטער (State Watch Center) קוקט נאנט נאך די שטורעם טרעק און די ווירקונגען לענגאויס די סטעיט. באזוכט dhses.ny.gov פאר ווינטער צוגרייטונג טיפס.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ( New York State Department of Transportation)**

די סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע טוט נאכפאלגן וועטער אומשטענדן און איז גרייט צו רעאגירן מיט 3,671 אויפזעער און אפערירער וואס שטייען גרייט לענגאויס די סטעיט. אלע פעלד שטאב מיטגלידער זענען גרייט ארייננצושפרינגען און רעאגירן. שטאב קענען אויסגעשטעלט ווערן אין סיי וועלכע סארט אפרוף מאנשאפט לויט ווי עס נויטיגט זיך שארן שניי, דרעינעדש, לאדענען און שלעפן, אפשניידן און אוועקרוקן בוימער א.א.וו. - אלע עוועילעבל געצייג איז גרייט צו נוצן.

צו העלפן מיט אפעראציעס אין די הודסאן וועלי, ווערן 30 שטאב מיטגלידער, אריינגערעכנט 20 שניי שארער אפערירער, זעקס געצייג אפעראטאר אנווייזער און פיר אויפזעער איינגעשטעלט צו דעם ראיאן פון אנדערע געגנטער לענגאויס די סטעיט.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,641 גרויסע שארער טראקס
- 351 גרויסע לאודערס
- 159 מיטעלמעסיגע שארער טראקס
- 52 שלעפער שארערס
- 34 שניי בלאזערס
- 20 גרעידערס

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן https://www.511ny.org/#:Alerts, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority)**

די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פאלגט נאך וועטער אומשטענדן פון די נאענט צו פארזיכערן אז זיי שטעלן צו זיכערע און פארלעסליכע סערוויס. עס זענען נישט דא קיין טוישונגען צו אונזער וויקענד אדער האלידעי באשטימטע סערוויס. MTA ארבעטער וועלן שטיין גרייט צו רעאגירן צו

אלע וועטער-פארבינדענע פראבלעמען. צו פארמינערן מעגליכע שטערונגען, וועלן נאך MTA שטאב ווערן איינגעשטעלט צו איבערקוקן טרעקס און סוויטשעס דורכאויס די נעטווארק.

NYCT באסעס וועלן האבן שניי קעמפער וויהיקלס דורכאויס די סיטי, און אלע ראוטס אין די בראנקס און מאנהאטן וועלן ווערן אפגעהאלטן פאר זונטאג סערוויס. אלע אנגעצייכנטע באסעס וועלן נישט ארבעטן זונטאג. נאך שטאב און געצייג ביי בריקן און טונעלן וועלן זיין גרייט פאר שנעלע אפרוף. קאסטומערס זענען ערמוטיגט צו קוקן אויף [new.mta.info](http://new.mta.info) פאר די לעצטע סערוויס אפדעיטס און צו זיין פארזיכטיג ביים נוצן די סיסטעם. קאסטומערס קענען זיך איינשרייבן פאר ריעל-טיים סערוויס אלערטס דורך טעקס מעסעדזש אדער אימעיל. די אלערטס קען מען אויך באקומען דורך די MTA עפפ און די TrainTime עפפ.

**טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority)**
די שטאב פון די טרו-וועי אויטאריטעט טוט נאכקוקן די פאראויסשאצונג און זענען גרייט צו רעאגירן מיט 688 אפערירער און אויפזעערס וואס שטייען גרייט.. די צאלן פון די עקוויפמענט און מיטלען איבערן סטעיט זענען אויסגערעכנט פאלגנד:

- 354 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער טראקס
- 10 טאָו שארערס
- 65 לאודערס
- 113,000+ טאנען פון זאלץ שטייט גרייט

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע ([X, באקאנט פון פריער אלס טוויטער](), און [Facebook]()) ווערן גענוצט צו ווארענען מאטאריסטן איבער ווינטער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי.

ניי פאר דער שניי און אייז סעזאן, זענען אלע פון די טרו-וועי'ס מער ווי 250 העווי-דוטי שארער טראקס אויסגעשטאטעט מיט גרינע האזארד לעקטער, פארשטערקערענדיג די געוועגליכע געלע האזארד לעקטער. גרינע לייטס זענען געמאכט צו פארבעסערן זעהבארקייט און פארבעסערן זיכערהייט דורכאויס ווינטער אפעראציעס, ספעציעל אין ווייניג-באלויכטענע צושטאנדן און שווערע וועטער. דרייווערס ווערן דעמאנט אז טרו-וועי שארער טראקס פארן מיט א שנעלקייט פון ארום 35 מייל א שעה - וואס איז אפטמאל ווייניגער ווי דער באשטימטע ספיעד לימיט - צו פארזיכערן אז די פארשפרייטע זאלץ בלייבט אין די דרייווינג לעינס און שפרייט זיך נישט ביי די זייטן פון די וועגן. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוון שטארק אפגעזונדערט פון די שארער-טראקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן.

די טרו-וועי אטאריטעט מוטיגט מאטאריסטן צו דאונלאודען איר [מאביל עפפ]() וואס איז דא צו באקומען אומזיסט אויף איי-פאָון און ענדראָויד דעוויסעס. די עפ גיבט פאר דרייווער דירעקטע צוטריט צו בשעת-מעשה'דיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמעראס און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר [TRANSalert]() אימעילס און נאכפאלגן [@ThruwayTraffic]() אויף X פאר די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דעם טרו-וועי.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (New York State Department of Public Service)**
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן בערך 5,500 ארבעטער וואס שטיין גרייט לענגאויס די סטעיט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, רעאגירן, און דורכפירן פארעכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט איבער ניו

יארק סטעיט, ווי עס פעלט אויס. אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן נאכפאלגן די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שיקן די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**

די סטעיט פאליציי האט אנגעוויזן פאר אלע טרופערס צו בלייבן וואכזאם, און זיי וועלן ארויסשיקן נאך פאטראלן צו באטראפענע געגנטער ווי נויטיג. אלע פאָר-וויהל דרייוו קארן און טרעקלעך זענען אין דינסט, און אלע ספעציאליסטישע וויהיקלס, ווי יו טי ווי טרעקלעך און סנאָו-מאָובילס, ווערן אוועקגעשטעלט וואו עס וועט מעגליך אויספעהלן און גרייט געמאכט צו ארויסגעשיקט ווערן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( New York State Department of Environmental Conservation, DEC)**

DEC עמערדזשענסי מענעדזשמענט איינגעשטעלטע, ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס, און ראיאנישע שטאב בלייבן אויפן וואך און זענען פאר צו נאכפאלגן די אנטוויקלנדע סיטואציע און וועטער פארשאצונגען. ארבעטנדיג מיט פארטנער אגענטורן, איז DEC צוגעגרייט צו קאארדינירן ארויסשיקן רעסורן מיט אלע אוועילעבל מיטלען, אריינגערעכנט ערשטע אפרופער, צו געצילטע געגנטער אין בעפארגרייטונג צו מעגליכע אפעקטירונג צוליב שניי.

DEC טוט דערמאנען די וועלכע זענען פאראנטווארטליך פאראוועקנעמען און אפפירן שניי אויסצופאלגן די בעסטע וועגן צו העלפן פארמיידן פארפלייצונגען און פארמינערן די מעגליכקייט פאר פאלוטענטס ווי זאלץ, זאמד, אוילן, מיסט און אנדער אפפאל אין שניי פון אפעקטירן די וואסער קוואליטעט. אפפירן שניי צו לאקאלע שטראמען און טייכלעך קענען שאפן אייז דאמבעס וועלכע קענען גורם זיין פלייצונגען. פובליק און פריוואטע שניי שארער דרייווערס זאלן זיין באוואוסטזיניג איבער די זיכערהייט אנגעלעגנהייטן דורכאויס און נאך ווינטער שטורעמעס. נאך אינפארמאציע איז פארעפנטליכט אויף [דיוויזיע פון וואסער טעכנישע און אפעראציאנעלע אנווייזונג סעריעס: אוועקפירן שניי ( Division of Water Technical and Operational Guidance Series: Snow Disposal)].

ווינטער וועטער און שטורעמעס וואס זענען שווער צו פאראויסזעהן, אין די עדיראַנדעקס, קעטסקילס און אנדערע קאָנטרי ראיאנען, קענען שאפן אומערווארטעטע געפארפולע אומשטענדן. באזוכער זאלן זיין צוגעגרייט מיט פאסיגע קליידונג און געצייג פאר שניי, אייז און קעלט, צו פארזיכערן א פארזיכערטע ווינטער איבערלעבעניש. שניי טיפקייטן זענען זייער אנדערש דורכאויס די אדיראנדאקס, וואן די טיפסטע שנייען זענען אויף העכערע הויכקייטן אין די High Peaks ראיאן און אנדערע בערג איבער 3,000 פיס. נידעריגערע טרעילס האבן אויסגעמישטע אומשטענדן פון שניי, אייז, סלאש און בלאטע אריינרעכענענדיג פילע טרעילס אין די קעטסקיל בערג וואו עס איז דא א מעגליכקייט פאר אייזיגע טרעיל אומשטענדן.

אין די צייט וואס אייז פאנגט זיך אן צו פארמען אויף עטליכע וואסערוועגן, ראטן DEC אינדרויסנדיגע ענטוזיאסטישע צו [איבערגיין אייז זיכערהייט אנווייזונגען] איידער ארויסגיין אינדרויסן.

שפאצירער ווערן געראטן צו ציטווייליג אויסמיידן אלע הויכע טרעילס ווי אויך טרעילס וועלכע גייען אריבער וואסערן און טייכן. שפאצירער אין די אדיראנדאקס ווערן געמוטיגט צו איבערקוקן די [אדיראנדאקס בעק-קאנטרי אינפארמאציע] וועב-בלעטער פאר די לעצטיגע נייעס איבער טרעיל אומשטענדן, סעזאנישע גאס פארשליסונגען, און אלגעמיינע אונטערהאלטונג אינפארמאציע.

בעק-קאונטרי באזוכער זאלן [שפאצירן קלוג] און נאכפאלגן פאסיגע זיכערהייט אנווייזונגען. פלאנירט אויספלוגן זיך רעכענענדיג מיט דעם. אין אן עמערדזשענסי, רופט 9-1-1. צו בעטן הילף פון וואלד רעינדזשער, רופט 1-833-NYS-RANGERS.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. אפרופונג עקוויפמענט ווערט אנגעפילט מיט גאז, אויספרובירט און צוגעגרייט צו ווערן גענוצט זיך אפצורופן צו די שטורעם. פארק באזיכער זאלן באזוכן parks.ny.gov, קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer מאבייל עפפ, אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**פארט אויטאריטעט (Port Authority)**
די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן איבער אירע אלע איינריכטונגען. אין פאל פון שווערע וועטער, גיבט די אגענטור ארויס רייזע אלערטס און אפדעיטס לויט ווי עס נויטיגט זיך דורך אימעיל אלערטס פון די איינריכטונג און אויף סאָושעל מידיע. פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן פארט אויטאריטעט פאסיליטעטן, ביטע קוקט איבער סאושעל מידיע, שרייבט אייך איין פאר PA Alerts אדער דאונלאוד'ט איינע פון די PA מאבייל עפפס, אריינגערעכנט RidePATH וועלכע טוט צושטעלן עכטע-צייט אפדעיטס און ווארענונגען פאר PATH סערוויס.

**זיכערהייט טיפס**
**רייזע**

עטליכע פון די וויכטיגסטע עצות פאר זיכערע דרייוו׳ען רעכענען אריין:

- פאלגט נאך די פארשאצונגען פאר אייער לאקאלע געגנט און פלעצער וואו איר וועט מעגליך פארן.
- האלט זיך צוריק פון פארן ווען עס איז נישט נויטיג.
- אויב איר מוז פארן, מאכט זיכער איר האט די וויכטיגסטע חפצים אין אייער קאר ווי דאכענעס, א שאוועל, פלעשלייט און איבעריגע באטעריעס, נאך ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בּוסטער קעיבלס, הויכע-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אז איר נויטיגט זיך אין הילף.
- אויב איר האט א סעלפאן אדער אנדערע קאמיוניקאציע מיטל ווי א טו-וועי ראדיאו אוועילעבל, דאן האלט די באטעריעס געטשארדזש'ט און האלט עס מיט אייך ווען איר פארט. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנווייזן פאר אייערע רעטער וואו איר געפינט זיך.
- די פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעטע ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמס איז טראנספארטאציע צוזאמשטויסונגען. בעפאר זיך זעצן הינטער׳ן רעדל, מאכט זיכער אז אייער קאַר איז אפגערוימט פון אייז און שניי; קענען גוט זעהן איז גאר וויכטיג צו קענען גוט דרייווען. פלאנירט אייערע סטאַפּס און לאזט איבער גענוג פלאץ צווישן אנדערע קאַרס. זייט ספּעציעל וואכזאם און געדענקט אז שניי זאמלונגען קענען באהאלטן קלענערע קינדער. האלט אייביג אייער שנעלקייט צוגעפּאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.
- עס איז וויכטיג אז דרייווערס אויף אלע שאסייען זאלן אנמערקן אז שניי שארער טראקס פארן אויף שנעלקייטן פון ביז 35 מ.פ.ש. וואס איז אין פילע פעלער נידעריגער פון די ערלויבטע ספּיעד לימיט.
- שניי שארער וועלן אפטמאל פארן אויף אינטערסטעיט הייוועיס זייט ביי זייט כדי צו שארן עטליכע לעינס אויף איין מאל.

- דרייווערס און פיסגייער זאלן האלטן אין געדאנק אז שארער-טראַק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און די שווערע וואג פון די שארער-געצייג קענען מאכן זייער שווער זיך שנעל אוועקצודרייען אדער אפשטעלן. שניי וואס בלאזט פון הונטער די שארער טראק קען שטארק פארשווערן די מעגליכקייט צו זעהן אדער אינגאנצן פארבלינדן.
- דרייווערס זאלן נישט פרובירן צו באכאפן שניי שארער טראקס אדער זיי נאכפאלגן צו נאענט. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוו׳ען גוט אפגעזונדערט פון די שארער-טראַקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן. פרובירט קיינמאל נישט צו באכאפן א שניי שארער בשעת עס ארבעט.

**קורצשלוסן**

- פרעגט אן ביי אייער יוטיליטי פירמע צו הערן די ארטיגע פאררעכטונג סקעדזשולס.
- אויב איר פארלירט עלעקטריציטעט, לעשט אויס אדער שאלטערט אויס די לעקטער און אפּלייענסעס כדי צו פארמיידן די סירקוט פון ווערן איבערגעשטרענגט ווען די סערוויס ווערט צוריק געעפנט; לאזט איין לעקטער אנגעצינדן כדי איר זאלט וויסן ווען די עלעקטריציטעט קומט צוריק.
- אויב די הייצונג לעשט זיך אויס דורכאויס א ווינטער שטורעם, האלט זיך ווארעם דורכן פארמאכן סיי וועלכע צימערן וואס איר דארפט נישט.

**צו באריכטן אן עלעקטריציטעט קורצשלוס, רופט:**

- Central Hudson:  800-527-2714
- Con Edison:  800-752-6633
- נעשענעל גריד:  800-867-5222
- NYSEG:  800-572-1131
- O&R:  877-434-4100
- PSEG-LI:  800-490-0075
- RG&E:  800-743-1701

**הייצונג זיכערהייט**

נוצט נאר זיכערע מקורות פון אלטערנאטיווע הייצונג ווי א פייערפלעיס, א קליינע גוט אויסגעלופטערטע האלץ אדער קויל אויוון אדער א רוקעוודיגע צימער הייצערס.

ווען איר נוצט אלטערנאטיווע הייצונג מיטלען ווי א פייערפּלעיס, א האלץ אויוון א.ד.ג., מאכט אייביג זיכער אז די רויעך ווערט גוט אויסגעלופטערט און פאלגט אויס די פאבירצירער'ס אנווייזונגען.
האלט פירהאנגען, האנטוכער און טאפ-האלטערס אוועק פון הייסע אויבערפלאכן.

האט א פייער עקסטינגווישער און סמאָוק דידעקטערס און מאכט זיכער אז זיי ארבעטן.
אויב איר נוצט קעראסין (נאפט) הייצונג אין צוגאב צו אייער רעגלמעסיגע הייצונג אויל, אדער אלץ אן עמערדזשענסי מיטל פאר הייצונג, פאלגט נאך די פאלגנדע זיכערהייט טיפּס:

- פאלגט אויס די אנווייזונגען פון די פירמע.

- נוצט נאר די ריכטיגע אויל פאר אייער יוניט.
- פילט אן די אויל נאר אינדרויסן און נאר ווען די יוניט איז אפגעקילט.
- האלט די הייצער צום וויינגסטנס דריי פיס אוועק פון מעבל און אנדערע אביעקטן וועלכע קענען כאפן פייער.
- ווען איר נוצט די הייצונג, נוצט די אייזענע צודעקן (סעיפגאַרדס) און לופטערט גוט אויס.

פאר מער ווינטער זיכערהייט טיפס, באזוכט https://www.dhses.ny.gov/winter-weather-safety.
פאר אלע נישט-עמערדזשענסי סערוויס געברויכן אין ניו יארק סטעיט בעפאר, דורכאויס אדער נאך א שטורעם, רופט 211 אדער באזוכט http://www.211nys.org/.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן